ביזה פון מלחמת מדין דארף מען געבן תרומת המכס צו די לויים?!

ע"פ הדרוש וההלכה קען מען ענטפערן[145] לויט דער דיעה אין ספרי[146] אז אויך די לויים האבן זיך משתתף געווען אין מלחמת מדין, במילא האט מען זיי געגעבן תרומת המכס פון ביזת המלחמה (משא"כ ביי אלע אנדערע מלחמות) -

דאס איז אבער נאר ע"ד הדרוש וההלכה; ע"פ פשש"מ קען מען אזוי ניט ענטפערן, ווארום ע"פ דרך הפשט זאגט דאך דער אויבערשטער צו די לויים "וחלק לא יהי' לך בתוכם" - "אף בביזה" איז למאי נפק"מ צי זיי גייען למלחמה אדער ניט.

[נוסף לזה וואס אויך אין ספרי (ע"ד הדרוש וההלכה) איז דא א דיעה אז די לויים האבן זיך ניט משתתף געווען אין מלחמת מדין].

און זאגן אז בא מלחמת מדין איז א גזירת הכתוב צו געבן תרומת המכס צו אלעזר הכהן און צו די לויים - איז א דוחק גדול, ווארום ס'איז ניט דער דרך, ניט אים פשש"מ און אפילו ניט אין הלכה, צו זאגן אויף א זאך וואס איז ניט פארשטאנדיק אז דאס איז א גזירת הכתוב; ווארום אויב אזוי קען מען זאגן אויף יעדער זאך וואס איז ניט פארשטאנדיק אז דאס איז א גזירת הכתוב! - נאר מ'איז זיך משתדל צו זוכן א ביאור ע"פ שכל אין יעדער זאך, און דוקא אויב מ'קען ניט געפינען קיין ביאור זאגט מען אז דאס איז א גזירת הכתוב.

במילא - דארף מען פארשטיין ווי קומט עס אז מ'זאל הייסן געבן תרומת המכס פון ביזת מלחמת מדין צו אלעזר הכהן און צו די לויים?

און פארוואס באווארנט דאס ניט רש"י?

וכפי שיתבאר לקמן.

לד. בנוגע צו די הערות פונעם טאטן אויפן זהר - זיינען ניטא קיין הערות אויפן זהר פון פרשתנו; אבער ס'איז דא אן ענין (און פסוק) פון פרשתנו (פ' מסעי) וואס ער ברענגט אין זיינע הערות אויף מס' מדות[147] וואס דאס איז פארבונדן מיט דעם וואס מ'קאכט זיך איצטער אז מ'זאל לערנען דעם חלק אין תורה וואס רעדט וועגן מדת הבית - מס' מדות, און אויך מיט אן ענין אין הל' בית הבחירה פון דעם רמב"ם.

- אין -

---

145) ראה לקו"ש מטות ש.ז. ס"ו. 146) עה"פ מטות שם, ד (הובא בפרש"י שם). 147) תורת לוי"צ ע' רפז, ואילך.

אין דער הערה דארטן[148] ברענגט ער אראפ וואס עס שטייט אין פרשתנו[149] אז א רוצח בשוגג דארף לויפן לעיר מקלט, און "וישב בה עד מות הכהן הגדול"[150], און ער ברענגט דארט וואס עס שטייט אין מדרש[151], אז דאס איז ווייל "רוצח מקצר ימיו של אדם וכה"ג מאריך ימיו של אדם אין בדין שיהא מי שמקצר ימיו של אדם לפני מי שמאריך ימיו של אדם", און בשעת "מות הכהן הגדול", בשעת דער כה"ג קומט צו תכלית השלימות שלו - דעמולט ווערט נגמר דער היקון פון דעם רוצח און ער גייט ארויס פון עיר מקלטו.

און ער פארבינדט עס דארטן אין דער הערה מיט דעם וואס אין בית המקדש איז געווען א לשכה וואס ווערט אנגערופן "לשכת העץ"[152], וואס דאס איז די לשכה פון כה"ג, די לשכה וואו ער איז געווען די ז' ימי הפרישה פאר יוה"כ און איז דעמולט געווען בית דירתו[153] -

ער איז מבאר אין דער הערה דעם קשר פון "לשכת העץ" מיטן כה"ג, אז "עץ" איז מודה על אריכות ימים, כמ"ש[154] "כימי העץ ימי עמי", און דערפאר האט עס א קשר מיטן כה"ג וויבאלד אז אויך ער איז שייך צו אריכות ימים, ווארום אריכות ימים ווערט נמשך פון ימין, פון חסדים, וואס "כהן איש חסד"[155], ובפרט דער כה"ג, און ווי מ'זעט עס אויך אין דעם ענין פון ערי מקלט (כנ"ל).

בקשר עם זה ברענגט ער אויך אין דער הערה - אז נוסף צו דעם נאמען "לשכת העץ" האט די לשכת כה"ג געהאט נאך צוויי נעמען, ד.ה. אז זי האט געהאט סך-הכל דריי נעמען: "לשכת העץ", "לשכת בלווטי" און "לשכת פרהדרין" ("האמור בריש יומא[156] ובגמרא שם"[157]),

און ער ברענגט אראפ וואס די גמרא זאגט אויף דעם: "וכי לשכת פרהדרין היתה והלא לשכת בלווטי היתה, אלא בתחלה (כל ימי שמעון הצדיק שהאריך ימים[158]) היו קורין אותה לשכת בלווטי, ומתוך שנותנין עליו ממון לכהונה (מתוך שכהני בית שני היו עומדין ע"י ממון שנותנין על כהונה גדולה למלכי בית חשמונאי[159]) ומחליפין אותה כל שנים עשר חודש (כלומר שרשעים היו ולא היו מוציאין שנתן ומעמידים אחד תחתיו כו' )

- כפרהדרין -

---

148) ע' רפט. 149) לה, יא. 150) שם, כה. 151) יל"ש עה"פ (רמז תשפח). ספרי עה"פ. 152) מדות פ"ה מ"ד.
153) משנה ריש יומא. רמב"ם הל' עבודת יוה"כ פ"א ה"ג.
154) ישעי' סה, כב. וראה יל"ש סוף רות (רמז תרז).
155) זח"ג קמה, ב (וראה שם קעו, א. רמב, א. ח"א רמד, א).
תניא רפ"נ. 156) במשנה. 157) ח, ב ואילך. 158) רש"י שם.

כפרהדרין הללו שמחליפין אותם כל שנים עשר חודש לפיכך היו קורין אותה לשכת פרהדרין".

דערנאך איז ער מבאר אין דער הערה די אלע דריי נעמען ע"פ קבלה מיט גימטריאות וכו׳, און זייער קשר מיטן כה"ג וואס בחינתו איז חסד וכו׳;

ער איז אבער ניט מבאר פרטים בזה, און אויך ניט א שאלה פשוטה עיקרית בענין זה:

דער נאמען פון דער לשכת כה"ג "לשכת בלווטי" איז מצד א מעלה[159] - איז פארשטאנדיק דער קשר דערפון צו דעם כה"ג ווי ער איז געווען אין די ז׳ ימי הפרישה פאר כניסתו לקדש הקדשים ביוהכ"פ;

משא"כ דער נאמען "לשכת פרהדרין" איז מצד א חסרון, מצד דעם וואס עס זיינען געווען אזוינע וואס האבן אפגעקויפט די כהונה גדולה מיט ממון כו׳ - איז היתכן אנרופן די לשכת כה"ג וואו ער איז געזעצן בז׳ ימי פרישה פארן אריינגיין לקדה"ק ביוהכ"פ מיט אזא נאמען?!

זיינען מפרשים מבארים[160] דעם ענין בזה - אז מ׳האט ארייגעלייגט דעם כה"ג אין א לשכה מיט אזא נאמען "שלא תזוח דעתו עליו": אזוי ווי דער כה"ג וועט באלד (נאך די ימי הפרישה) אריינגיין אין קדש הקדשים און ער וועט מכפר זיין אויף כל בני ישראל - קען דורך דעם ביי אים ווערן זחיחת הדעת, א הגבהת הרוח כו׳ - דערפאר דערמאנט מען אים, דורך אנרופן די לשכה וואו ער זיצט די ז׳ ימי הפרישה מיטן נאמען "לשכת פרהדרין", אז עס זיינען געווען אזוינע וואס מצד דעם וואס זיי האבן זיך ניט געפירט כדבעי איז זייער ווערן כהנים גדולים און זייער אריינגייך אין קדה"ק ביוהכ"פ - אז "לא היו מוציאין שנתן" (נאכדעם וואס זיי זיינען אריין אין קדה"ק ביוהכ"פ).

מ׳קען אבער אזוי ניט פארענטפערן ווארום:

בשלמא צו דערמאנען א כה"ג מזמן לזמן אז ער זאל ניט זיין גרוים בא זיך איז פארשטאנדיק; אבער אים אריינזעצן ז׳ ימים נאכאנאנד אין א לשכה וואס דערמאנט אים שטענדיק אז מיט א זמן לפנ"ז זיינען געווען כהנים גדולים וואס האבן ניט מוציא שנתן געווען, און דורך דעם פועל׳ן אויף אים א שפלות און ירידת הרוח, ובפרט אז ס׳איז ניט געווען קיין מקום לחשד אויף דעם כה"ג און קיין זאך, און ווי די גמרא[161]

- זאגט -

---

159) ראה רש"י שם ד"ה לשכת. 160) ראה תפא"י למשנה יו יומא שם. 161) שם יח, ב (במשנה). יט, ב.

זאגט טאקע, אז "הוא פורש ובוכה והן פורשין ובוכין" דערפאר וואס מ'האט אים חושד געווען, זעט מען אז דאס איז ניט קיין ענין וואס מ'טוט ברצון און מ'איז מרבים בו כו' - האט איינגאנצן קיין ארט ניט?!

לה. ע"ד ווי מ'איז מבאר, בנוגע צו דעם נאמען "לשכת פרהדרין" אז דאס איז בכדי שלא תזוח דעתו פון דעם כה"ג - עד"ז זיינען מפרשים[162] מבאר בנוגע צו דעם נאמען פון דער לשכה, "לשכת העץ" - אז דאס ווערט אזוי אנגערופן ניט דערפאר וואס זי איז געבויט פון עץ, נאר מ'האט עס אזוי אנגערופן אלס א רמז צו דערמאנען דעם כה"ג שלא תזוח דעתו: אזוי ווי אין עץ איז דא רקב, אזוי אויך בשעת רער כה"ג יקלקל מעשיו דארף ער וויסן אז ער וועט ניט מאריך ימים זיין, ע"ד ווי די משנה זאגט אין אבות[163], אז איינע פון די זאכן אין וואס א מענטש דארף זיך מסתכל זיין "ואין אתה בא לידי עבירה" איז - "לאן אתה הולך כו'".

וואס נוסף צו דעם וואס אויך דא איז פאראן די קשיא הנ"ל, אז ס'האט קיין ארט ניט צו דערמאנען דעם כה"ג אויף דעם ענין הנ"ל במשך פון גאנצע זיבן טעג פאר זיין אריינגיין אין קדה"ק ביוהכ"פ?! קומט דא צו נאך א קשיא:

ס'איז א דוחק גדול צו זאגן אז די "לשכת העץ" איז ניט געווען געמאכט פון עץ. ווארום דער ערשטער מפרש וואס מ'געפינט ער זאל אזוי טייטשן אין דער תויו"ט[164] - איז א פלא גדול אז אלע פרשני הש"ס, ראשונים און אחרונים וכו' - האבן אינגאנצן ניט באווארנט אז די "לשכת העץ" איז ניט געמאכט פון עץ נאר זי ווערט אזוי אנגערופן מצד אן אנדער טעם!

ובפרט אז אין הל' בית הבחירה להרמב"ם פרק א הלכה ט שרייבט דער רמב"ם אז "אין בונין בו (אין ביהמ"ק) עץ בולט כלל כו'". שטעלט זיך אויף דעם דער ראב"ד און איז משיג: "והלא לשכת כהן גדול של עץ היתה כו'".

וואס דערפון קומט אויס אז דער ראב"ד האלט בפשטות אז די לשכת כה"ג איז געווען געמאכט פון עץ (ניט ווי דער תויו"ט), און דערפון וואס קיינער פון מפרשי הרמב"ם ענטפערן ניט אויף השגת הראב"ד אז די לשכת כה"ג איז ניט געווען געמאכט פון עץ - איז פארשטאנדיק אז זיי נעמען אלע אן בפשטות און אויך דער רמב"ם האלט אזוי, אז זי איז געווען געמאכט פון עץ!

- במילא -

------------

162) תפא"י על המשנה. מדות שם. 163) רפ"ג. 164) על המשנה מדות שם.

במילא דארף מען פארשטיין פארוואס די לשכת כה"ג איז געווען געמאכט פון עץ?

וכפי שיתבאר לקמן.

לו. בנוגע צו דעם רמב"ם הנ"ל אין הל׳ בית הבחירה:

דער רמב"ם שרייבט (כנ"ל) אז "ואין בונין בו עץ בולט כלל אלא או באבנים או בלבנים וסיד. ואין עושין אכסדרות של עץ בכל העזרה אלא של אבנים או לבנים". און דער ראב"ד איז משיג: "והלא לשכת כהן גדול של עץ היתה ובשמחת בית השואבה מקיפין כל העזרה גזוזטרא, אלא לא אסרה תורה כל עץ אלא אצל מזבח ה׳ והיא עזרת כהנים משער ניקנור ולפנים אבל בעזרת נשים ובהר הבית מותר".

[דרך אגב: אין רדב"ז[165] שטייט אז אנשטאט אין ראב"ד זאל שטיין "לא אסרה תורה כו׳ אלא כו׳ עזרת כהנים", דארף שטיין "אלא כו׳ עזרת אנשים". וואס עפ"ז ווערן פארענטפערט כמה שאלות אויפן ראב"ד].

דארף מען פארשטיין: וואס ענטפערט דער רמב"ם אויף השגת הראב"ד?

וכפי שיתבאר לקמן, וועלכע פון די תירוצים מ׳קען זאגן אויפן רמב"ם און וועלכע ניט.

וואס דא האט מען געמאכט "חוט המשולש"[166] - אן ענין פארבונדן מיט מדת המקדש, אן ענין אין מס׳ מדות און אן ענין אין הל׳ בית הבחירה, נוסף צו דעם פסוק אין פרשתנו (פ׳ מסעי).

לז. כאן המקום נאכאמאל צו מעורר זיין וועגן לערנען בימים אלו, אין בין המצרים, דעם חלק אין תורה וואס רעדט וועגן בנין ביהמ"ק - סיי די פסוקים אין תושב"כ וואס רעדן וועגן דעם, און אויך חלק המשנה אין תושבע"פ וואס רעדט וועגן דעם, ביז צו דעם חלק ההלכה וואס רעדט וועגן דעם - אין פוסקים.

און אויך מעורר זיין וועגן די סיומים וואס מ׳זאל מאכן בכל יום פון די ניין טעג (צווישן ר"ח מנ"א מיט תשעה באב).

לח. ס׳איז דא נאך א ענין שהזמן גרמא וואס איז גורם א

- שמחה -

165) ח"ב סימן אלף תסז (צד). וראה משנה למלך כאן.
166) לשון הכתוב - קהלת ד, יב.

ע"פ וואס מ'האט געלערנט אין א פריערדיקן פסוק: אין פ' ויחי בא ברכת יעקב לשמעון ולוי - איז רש"י מפרש[203] "ושבטו של לוי עשאו מחזר על הגרנות לתרומות ולמעשרות נתן לו תפוצתו דרך כבוד".

וואס עפ"ז איז פארשטאנדיק, אז וויבאלד עס זיינען געווען אידן וואס האבן געלעבט מעבר לירדן - זיינען אויך געווען לויים וואס זיינען דארטן געגאנגען לעבן, בכדי צו מחזר זיין דארטן על הגרנות צו נעמען פון די אידן תרומות ומעשרות.

וואס דער ביאור קען מען זאגן אויך ע"ד ההלכה.

ועוד יש לומר: לויים זיינען געגאנגען לעבן אין די ערי מקלט מעבר לירדן בכדי צו היטן אויף זיי, דערפאר וואס זיי זיינען געווען פרומע וכיו"ב.

וואס מהנ"ל זעט מען ווי ע"פ פשוטו של מקרא אין פשטות הכתובים - פארשטייט מען אן ענין אין הלכה אין פוסקים און אחרונים (ווי ס'איז שייך זאגן אז די לויים האבן געוווינט פון בימת מלחמת מדין און דאס וואס מ'האט זיי געגעבן די ערים מעבר לירדן).

ג. דער ביאור אין דעם ענין פון די "לשכת העץ" און (דער צווייטער נאמען) "לשכת פרהדרין" וואס עס רעדט זיך אין די הערה אויף מס' מדות, און אין הל' בית הבחירה:

דאס וואס די לשכת כה"ג (וואו ער איז געווען די ז' ימי הפרישה פאר זיין ארייננגיין אין קדה"ק ביוהכ"פ) האט געהייסן "לשכת העץ" איז דערפאר וואס זי איז געווען געמאכט פון עץ (און נים אז זי אליין איז געווען געבוים פון עפעס אנדערש און דאס וואס זי ווערט אנגערופן "לשכת העץ" איז צוליב אן אנדער טעם, ווי דער תויו"ט שרייבט),

וכדמוכח מזה וואס מ'געפינט נים אז מפרשי הגמרא און ראשונים כו' זאלן שרייבן אז דאס איז נים געווען געמאכט פון עץ כו', וכמובן אויך פון דעם רמב"ם און השגת הראב"ד עליו, און פון כמה מפרשי הרמב"ם וואס פארענטפערן נים אז דער רמב"ם האלט אז דאס איז נים געווען געמאכט פון עץ.

און דער קשר פון דעם (נאמען - ) "לשכת העץ" מיטן כהן גדול, איז - ווי ער ברענגט אין דער הערה (כנ"ל) אז "עץ" איז מורה על אריכות ימים, כמ"ש "כימי עץ ימי עמי", און דורך דעם וואס דער כה"ג האט געדארפט זיין אין "לשכת העץ" במשך די ז' ימי הפרישה פאר זיין ארייננגיין אין קדה"ק -

- איז -

------------

203) מח, ז.

איז געווען בכדי צו אים מדגיש זיין און באווייזן אז אויב ער פירט זיך כדבעי וועט ער מאריך ימים זיין.

נא. עפ"ז איז פארשטאנדיק אז דער תירוץ אויף דעם וואס דער ראב"ד איז משיג אויף דעם וואס דער רמב"ם זאגט "ואין בונין בו עץ בולט כלל", אז "הלא לשכת כהן גדול של עץ היתה" - איז ניט אז די לשכה איז ניט געווען געמאכט פון עץ, און דער ראב"ד האט ניט געוואסט ח"ו אז די לשכה איז ניט געווען געמאכט פון עץ, נאר - ס'איז בפירוש געבויט געווארן פון עץ, לדעת כולם (אויך לדעת רמב"ם) און במילא איז די קשיא וואס ער פרעגט אויפן רמב"ם א גוטע קשיא.

און דער ביאור אין דעם וואס דער רמב"ם וועט ענטפערן אויף די קשיא איז פארשטאנדיק ע"פ דעם דיוק וואס דער רמב"ם שרייבט "אין בונין בו עץ בולט כלל"[204]:

דער רמב"ם האלט אז אין ביהמ"ק האט מען געבויט זאכן פון עץ, ווי די לשכת כהן גדול, "לשכת העץ", און די גזוטרא אין עזרה פאר שמחת בית השואבה - נאר "עץ בולט" טאר דארפן ניט זיין, "אין בונין בו עץ בולט כלל"

און דער מקור פון רמב"ם איז - פון גמרא אין ראש השנה[205]:

די גמרא דערציילט אז שלמה המלך האט געבויט א חלק פון דעם ביהמ"ק פון עץ, "כרתות ארזים"[206], אבער "שקעי' בבנינא" און "סדיי' בסירא", ס'איז ניט געווען קיין עץ בולט, נאר ס'איז געווען אינעווייניק אין דעם בנין און ער האט דאס פארדעקט מיט סיד.

קומט דערפון אויס אז אין ביהמ"ק מעג מען בויען משל עץ, ס'איז מערניט וואס וויבאלד אז די גמרא זאגט עס שוין אין ר"ה דארף מען ניט איבער'חזר'ן נאכאמאל אין מס' מדות.

און פון די גמרא ווייסט דער רמב"ם אז "אין בונין בו עץ בולט", "בולט" דוקא, אבער בשעת דאס איז ניט בולט און מ'פארדעקט דאס מיט סיד מעג מען דאס בויען.

און אין דער לשכת העץ איז דאס ניט געווען קיין עץ בולט, ועד"ז בנוגע צו דער גזוטרא בשמחת בית השואבה - דעריבער האט מען דאס געמעגט בויען אין ביהמ"ק.

און דער קשר פון "לשכת העץ" (וואס איז געווען געמאכט

- פון -

---

204) בהבא לקמן - ראה הר המורי', מעשה רוקח, צפע"נ על ס' העבודה להרמב"ם (ירושלים תשל"ט) להל' ביהב"ח שם. וראה רדב"ז דלעיל הערה 165. 205) ד, א. 206) מ"א ו, לו.

פון עץ) מיטן כה"ג, איז כאמור, אז עץ איז מורה אויף אריכות ימים בכדי צו מדגיש זיין צו דעם כה"ג אז אויב ער וועט זיך אויפפירן כדבעי וועט ער מאריך ימים זיין.

נב. בנוגע צו דעם וואס די לשכה (לשכת כה"ג, "לשכת העץ") האט אויך געהייסן "לשכת פרהדרין" (דלכאורה איז דאס א נאמען וואס דערמאנט אויף א דבר בלתי רצוי) - קען מען אין דעם זאגן צוויי ביאורים, איין ביאור ע"פ נגלה, און דער צווייטער ביאור, וואס איז נאכמער געשמאק, ע"פ ווי דער ענין איז אין עבודה:

דער ביאור ע"פ נגלה:

די גמרא זאגט אז די מענטשן האבן אפגעקויפט די כהונה גדולה מיט ממון, ("שנותנין עליו ממון") ר.ה. אז זיי זיינען ניט געווען ראוי דערצו און נאר צוליב דעם וואס זיי האבן געגעבן ממון אויף דעם - האבן זיי געקענט אריינגיין אין קדה"ק ביוהכ"פ, און דערפאר (וואס זיי זיינען ניט געווען ראוי לזה) האבן זיי ניט מוציא שנתם געווען.

וואס לכאורה איז ניט פארשטאנדיק: בשעת דאס איז געשען איין מאל און א צווייטן מאל, און א דריטן מאל וכו' אז דער מענטש וואס האט אפגעקויפט די כהונה גדולה האט דערפאר ניט מוציא שנתו געווען - פארוואס איז געווען אזא וואס האט דאס געטאן א פערטן מאל?!

קומט דערפון אבער ארויס א דבר נפלא: מ'זעט דערפון דעם יוקר און טייערקייט וואס איז געווען אין אריינגיין איין מאל אין קדה"ק ביוהכ"פ - ער כדי כך אז עס זיינען געווען די מענטשן וואס האבן דאס אפגעקויפט מיט געלט, געפירט זיך היפך השו"ע און געגעבן די געלט צו א מלך רשע (כמובן פון דעם וואס ער האט מסכים געווען אויף דעם).

און נאכמער זיי האבן דאס געטאן וויסנדיק אז פאר-א-יארן האט דאס אן אנדערער געטאן און ער האט ניט מוציא שנתו געווען, אדער אפילו אז פאר דערויף האבן שוין צוויי אדער דריי (און מערער) דאס געטאן און זיי האבן אלע ניט מוציא שנתם געווען, וואס דריי מאל איז שוין א חזקה[207] - אעפ"כ האבן זיי דאס געטאן אבי אריינגיין איין און איינציקן מאל אין קדה"ק!

וואס עפ"ז וועט מען פארשטיין דעם ענין וואס דער כה"ג איז געזעצן אין דער לשכה וואס האט געהייסן "לשכת פרהדרין"

- אין -

------------

207) ב"מ קו, ב. וש"נ.

אין די ז' ימי הפרישה פאר דעם וואס ער איז אריין אין קדה"ק ביוהכ"פ:

דערמיט האט מען אים געוואלט מדגיש זיין דעם גודל היוקר, די טייערקייט, וואס איז דא אין אריינגיין אין קדה"ק. מ'האט אים ניט חושד געווען בכשרים, נאר מ'האט אים אריינגעזעצט אין "לשכת פרהדרין" פאר דעם וואס ער האט געדארפט אריינגיין אין קדה"ק ביוהכ"פ מיינענדיק דערמיט אים זאגן: דו זאלסט וויסן זיין די טייערקייט פון אריינגיין אפילו נאר איין מאל אין קדה"ק -

עד כדי כך אז עס זיינען געווען אזוינע וואס האבן אויף דעם געגעבן געלט און געטאן היפך השו"ע און נאכמער - זיי האבן דאס געטאן אע"פ וואס זיי האבן געוואוסט אז זיי וועלן דערנאך ניט מוציא שנתם זיין - אבי איין מאל אריינגיין אין קדה"ק!

און אזוי אויך דארף זיין די טייערקייט פון דעם כה"ג בשעת ער גייט אריין אין קדה"ק, אז אפילו אויב ער וועט אריינגיין כמה פעמים אין קדה"ק זאל יעדער מאל וואס ער גייט אריין זיין ביי אים טייער אזוי ווי ער גייט אריין אן איין און איינציקן מאל.

נג. דער ביאור בזה אין עבודה:

בשעת דער כה"ג פלעגט אריינגיין אין קדה"ק ביוהכ"פ האט ער דארפן געדארפט לאזן זיינע בגדים "והניחם שם", און איבער-א-יאר ווען ער איז אריין נאכאמאל האט ער אנגעטאן נייע בגדים[208].

וואס לכאורה פארוואס האט אזוי געדארפט זיין: היות אז ער גייט אריין אין קדה"ק און טוט די זעלבע עבודה וואס ער האט געטאן פאר-א-יארן - פארוואס קען ער ניט נוצן די בגדים וואס ער האט געטראגן דעמולט?

איז דער ביאור בזה: אז יעדער מאל וואס דער כה"ג איז אריין יוהכ"פ אין קדה"ק, אפילו אויב דאס איז געווען דער זעלבער כה"ג וואס איז אריין פאר-א-יארן, איז דאס געווען א נייע עבודה, און נאכמער - יעדער מאל איז ער געווען ווי א נייער מענטש - דעריבער האט ער יעדער מאל געדארפט לאזן די בגדים דארטן, און דעם קומענדיקן מאל אנטאן נייע בגדים, נייע לבושים א נייע עבודה, ווארום בשעת דער מלובש איז א נייער דארף ער האבן נייע לבושים.

- וואס -

---

208) אחרי טז, כג. ובפרש"י. פסחים כו, א. וש"נ. רמב"ם הל' כלי המקדש פ"ח ה"ה.

וואס דעריבער איז דער כה"ג געווען אין "לשכת פרהדריך" אין די ז׳ ימי הפרישה איידער ער איז אריין אין קדה"ק - בכדי אים מדגיש זיין אז ע"ד ווי ס׳איז געווען בא די וואס האבן אפגעקויפט די כהונה גדולה אז זייער אריינגיין אין קדה"ק איז געווען נאר א איין מאליקע זאך - עד"ז דארף ער וויסן זיין בצד הקדושה - יאז אע"פ וואס ער וועט מאריך ימים ושנים זיין, איז אבער יעדער מאל וואס ער גייט אריין אין קדה"ק איז דאס נאר ווי אן איין-מאליקע זאך,

ניט קיין המשך צו דעם וואס ער איז אריין אין קדה"ק בהשנים שלפנ"ז,

ער זאל ניט מיינען אז ווען ער גייט אריין אין קדה"ק איז דאס א המשך צו דעם וואס ער איז דארטן געווען פאר-א-יארן, אדער אז אויב דאס איז דער ערשטער מאל וואס ער גייט אריין - מיינען אז טאמער עס וועט עפעס פעלן אין זיין עבודה אין קדה"ק דעם יאר וועט ער דאס משלים זיין ווען ער וועט אריינגיין איבער-א-יאר.

זאגט מען אים אז דאס וואס ער גייט אריין איז א איינ-מאליקע זאך, און ער דארף דארטן לאזן זיינע בגדים, זיינע לבושים כו׳, און איבער-א-יאר דארף ער אנטאן נייע בגדים ווארום דעמולט טוט ער א נייע עבודה און ער איז א נייער מענטש,

ער איז טאקע א כהן, בן אהרן הכהן - אבער ער איז א נייער מענטש ניט אט-דער וואס איז אריין אין קדה"ק פאר-א-יארן, און אט-דער וואס וועט אריינגיין איבער-א-יאר!

וכאמור, דער כה"ג איז מאריך ימים ושנים טובות, ווי דאס איז געווען בא שמעון הצדיק, אז שימש מ׳ שנה[209], און נאכמער בא יוחנן כה"ג, וואס שימש פ׳ שנה[210] - אבער יעדער מאל וואס ער גייט אריין אין קדה"ק איז דאס ניט קיין המשך צו דעם פעם לפנ"ז - נאר יעדער מאל איז דאס א נייער ענין: דער כה"ג איז א נייער מענטש, ער טוט א נייע עבודה, וואס דערפאר טוט ער אן נייע בגדים און לבושים.

נד. די הוראה דערפון אין עבודה לכאו"א:

מעין פון די עבודה וואס איז געווען באם כה"ג בקדה"ק ביוהכ"פ איז דא בא כאו"א מישראל בעבודה רוחנית שלו, ווי דער כה"ג האט דעמולט געבעטן "על כל עמך בית ישראל"[210*],

- אוי -

---

209) יומא ט, א. 210) שם. ברכות כט, א. *210) סדר עבודה ליוהכ"פ פיוט יה"ר כו׳ שתהא השנה הזאת כו׳ מיומא נג, ב. רמב"ם הל׳ עבודת יוהכ"פ פ"ד ה"א.

און דער כה"ג האט דאך געטאן די עבודה אין קדה"ק פאר אלע אידן, ובמילא דארפן זיך אלע אידן מיט אים מאחד זיין בשעת ער טוט עבודתו אין קדה"ק, וואס דאס איז דורך דערויף וואס יעדער איד בכל מקום שהוא איז זיך מתאחד מיט דעם כה"ג במחשבתו, ד.ה. אז יעדער איד טוט די עבודת הכה"ג ברוחניות,

וואס דאס, אז די אידן האבן זיך מאחד געווען מיטן כה"ג דורך טאן ברוחניות עבודתו, איז געווען אפילו בזמן שביהמ"ק הי' קיים, און אפילו בא די אידן וואס זיינען געווען אין ביהמ"ק ביוהכ"פ בשעת דער כה"ג איז אריין אין קדה"ק,

און אפילו בא די אידן וואס האבן געזען ווי דער כה"ג טוט עבודתו ביוהכ"פ, ווארום אידן האבן ניט געזען ווי מ'טוט אלע עבודות ביוהכ"פ, ווי דער רמב"ם שרייבט[211] "כיון שהגיע שעיר למדבר יצא כה"ג לעזרת הנשים לקרות בתורה, ובזמן קריאתו שורפין הפר והשעיר בבית הדשן, לפיכך הרואה כה"ג כשהוא קורא אינו רואה פר ושעיר הנשרפין",

- איז בכדי צו האבן א שייכות אויך צו די עבודות (פון כה"ג) וואס זיי האבן ניט געזען האבן זיי געדארפט טאן די עבודה ווי דאס איז בא זיי ברוחניות,

ועאכו"כ בנוגע צו הקטרת הקטורת וואס דער כה"ג האט געטאן אין קדה"ק, וואס דאס האט קיין איד ביט געזען,

ועאכו"כ אז ס'איז געווען עבודת הכה"ג בעבודה רוחנית בא די אידן וואס זיינען ניט געווען בשעת מעשה אין ביהמ"ק, ועאכו"כ בא די וואס זיינען ניט געווען בשעת מעשה אין ירושלים און אין ארץ ישראל,

ועאכו"כ בא אידן וואס געפינען זיך נאך דעם זמן וואס "גלינו מארצנו", בזמן הגלות, כולל אויך בזמן הזה.

נה. ועד"ז איז אויך בנוגע צו די עבודה הנ"ל פון דעם כה"ג אין קדה"ק ביוהכ"פ אז יעדער מאל איז דאס ביי אים געווען אן עבודה חדשה און אלס אן איש חדש מיט נייע בגדים וכו' - אז מעין זה איז דא בא כאו"א בעבודה רוחנית שלו:

בכלל זאגט מען בנוגע צו כללות התומ"צ אז בכל יום ויום יהיו בעיניך כחדשים[212] און נאכמער - "חדשים" ממש[213], בכדי מדגיש זיין אז תומ"צ דארפן ביי אים ניט זיין ווי א דבר ישן, וואס דעמולט האט מען ניט אזויפיל חשק דאס צו טאן, נאר ווי א דבר חדש.

- די -

---

211) הל' עבודת יוהכ"פ פ"ג ה"ד. 212) ספרי (הובא בפרש"י) עה"פ ואתחנן ו, ו. 213) פרש"י תבא כו, טז. וראה גם פרש"י יתרו יט, א. עקב יא, יג.

די הוראה פון עבודת כה"ג הנ"ל אין קדה"ק ביוהכ"פ בעבודה הרוחנית דכאו"א איז - נאכמער: ניט נאר וואס די זאך פון תומ"צ איז בכל יום ויום "חדשים", נאר אויך ער אליין, דער מענטש אליין, איז יעדער מאל וואס ער איז מקיים תומ"צ - א נייער מענטש מיט נייע "לבושים" וכו׳, און דאס איז ווי ער טוט אן איין-מאליקע זאך.

ד.ה. אז נוסף צו דעם וואס יעדער ענין אין תומ"צ וואס ער טוט איז ווי א נייע זאך, אן איין-מאליקע זאך, כמובן מזה וואס יעדער ענין פון תומ"צ טוט אויף א "יחוד כו׳ למעלה כו׳ נצחי לעולם ועד"[214], ובמילא מוז מען זאגן אז יעדער מאל וואס ער איז מקיים אן ענין אין תומ"צ טוט עס אויף א נייע זאך א נייע יחוד, ווארום אויב ניט איז דאך דא דער יחוד נצחי פון די פריערדיקע תומ"צ - איז נוסף לזה איז אויך ער דעמולט א נייער מענטש מיט נייע "לבושים", ס׳איז אזוי ווי ער טוט אן איין-מאליקע זאך וואס נאכאמאל וועט ער דאס ניט טאן!

קען מען דאך לכאורה פרעגן: ווי איז שייך זאגן אזא זאך - יעדער איד וועט דאך זיכער מאריך ימים ושנים זיין - איז ווי קען מען זאגן אז בשעת ער טוט אין תומ"צ איז דאס אן איינ-מאליקע זאך וואס וועט נאכאמאל ניט זיין, און יעדער מאל וואס ער טוט דאס איז ער אן אדם חדש מיט לבושים חדשים (ע"ד ווי דער כה"ג בקדה"ק ביוהכ"פ)?!

נאר דער ביאור בזה איז בדוגמת המדובר לעיל[215] בנוגע צו דעם ענין פון די מ"ב מסעות: עס זיינען דא די מ"ב מסעות ווי זיי זיינען געווען בא כללות בני ישראל אין מדבר; מער בפרטיות זיינען דא די מ"ב מסעות בא כל אדם במשך ימי חייו[216]; און נאך מער בפרטיות זיינען דא די מ"ב מסעות בכל יום ויום[217];

עד"ז איז בענין זה: ס׳איז דא דער ענין בכללות, אז די יואס האבן אפגעקויפט די כהונה גדולה האבן בפשטות ניט מוציא שנתם געווען; און מער בפרטיות איז דאס דא בא דעם כה"ג בכל שנה ושנה אין קדה"ק ביוהכ"פ, אז ער איז אזוי ווי אן אדם חדש וואס טוט אן עבודה חדשה מיט לבושים חדשים; און נאך מער בפרטיות איז דאס בא כאו"א בעבודתו בכל יום ויום, אז ער איז אזוי ווי אן אדם חדש וואס טוט אן עבודה חדשה, אן איין-מאליקע עבודה וואס ער וועט נאכאמאל ניט טאן.

וואס דאס איז דערפאר וואס תורה "כללות ופרטות נאמרו"[218].

נו. דער ביאור אין די צוויי משנות פון רבי טרפון אין דעם פרק פון היינטיקער וואך:

- דער -

---

214) תניא פכ"ה (לב, א). 215) בהמאמר ד"ה אלה מסעי גו׳.
216) תורת הבעש"ט - הובא בדגל מחנה אפרים ריש פרשתנו.
217) אוה"ת פרשתנו ס"ע א׳שנב. 218) חגיגה ו, רע"ב. וש"נ. וראה תו"כ (הובא בפרש"י) עה"פ בהר כה, א.


הנחת הת׳ בלתי מוגה

בו חץ והרגו":

נאך דעם וואס רש"י איז מחדש אז אויב נאר מ'איז א "הורג נפש", איז אפילו דורך א חבור בעלמא צום מת (אפילו ווען ס'איז ניטא קיין נגיעה אין דעם מת עצמו) איז דאס "כאלו נוגע במת עצמו" - קען מען דאך זאגן, אז אפילו "זרק בו חץ והרגו" זאל ער ווערן טמא:

בשעת מ'איז זורק א חץ איז דאך דא אין דערויף כחו. ובמילא, איז דא אן ארט צו זאגן, אז דער אדם זאל טמא ווערן דורך דעם "חץ" (וואס איז א דבר המקבל טומאה) ווארום וויבאלד אז "כחו" האט א "חיבור" מיטן מת (דורכן "חץ"), איז עס "כאילו נוגע במת עצמו".

און ווי דער בן חמש האט שוין געלערנט פריער, אז "כחו" של האדם איז פונקט ווי דער אדם עצמו, לדוגמא: "כי תצא אש גו' ונאכל גדיש גו'" דארף דער "מבעיר את הבערה" צאלן[143] (ועד"ז א הורג ע"י אשו איז חייב מיתה), ווייל ס'איז דא אין דעם "כחו" (אשו משום חציו)[144].

און אויף צו שולל זיין די סברא ברענגט רש"י דעם המשך הפסוק

[און ווי גערעדט פריער (סעיף כז), אז צו פירוש רש"י ביז אהער, דארף מען ניט אנקומען צו די ווערטער "וכל הנוגע בחלל" - ערשט דא מוז רש"י ברענגען די ווערטער]

"ת"ל וכל הנוגע בחלל מקיש הורג לנוגע מה נוגע ע"י חבורו אף הורג ע"י חבורו" אז פון דעם המשך הפסוק לערנט מען, אז דער "חיבור" מוז זיין ע"י נגיעה.

עס בלייבט נאך אבער דער דיוק - פארוואס איז רש"י מעתיק דעם שם בעל המאמר, ר' מאיר, וכפי שיתבאר לקמן.

לט. דער ביאור אין דעם וואס מ'האט גערופן די לשכת כה"ג - "לשכת פרהדרין":

בשעת עס איז דא אן ענין וואס מען קען מפרש זיין לכאן או לכאן - דארף מען זיך רעכענען מיטן זמן

- ומקום, -

---

143) משפטים כב, ה. 144) ב"ק כב, א.

ומקום, צו מפרש זיין דעם ענין בהתאם להזמן והמקום.

ועד"ז בעניננו: וויבאלד אז מען רעדט וועגן א לשכה אין בית המקדש, און בנוגע א זמן פון עשי"ת - "ציט זיך" צו מפרש זיין דעם נאמען "לשכת פרהדריך" למעליותא.

איז דער ביאור אין דעם: דער פירוש "מחליפין אותה (די כהונה של הכה"ג) כל שנים עשר חודש כפרהדריך הללו" איז (ניט אן ענין פון העדר אריכות ימים - מ'האט געהאט אריכות ימים בגוף כו', נאר) מ'איז יעדער יאר געווארן א נייע מציאות; דער כה"ג איז נתעלה געווארן בכל שנה אין אינגאנצן א העכערער מדריגה שלא בערך, ביז, אז ער איז ניט דער זעלבער כה"ג ווי פאר א יארן.

דאס הייסט, די עבודה פון יוהכ"פ גופא האט אויפגעטאן אן עילוי שלא בערך אין דעם כה"ג, און דעריבער "מחליפין אותה כל שנים עשר חודש" - ווען ס'איז געקומען דער יוהכ"פ הבע"ל איז "מחליפין אותה", ער איז געווארן אן "אנדערער" כה"ג, און געטאן אן "אנדערע", א נייע עבודה.

מ. בכללות, איז דאס דער חילוק צווישן עבודת הצדיקים און עבודת התשובה:

די עבודה פון צדיקים איז אין אן אופן פון "תמידים כסדרם", אן עבודה מסודרה; משא"כ עבודת התשובה איז אין אן אופן פון הליכה - עלי' שלא בערך.

און דאס איז אויך דער טעם פארוואס דער נאמען "לשכת פרהדריך" איז געווארן בזמן מקדש שני דוקא. ווייל דער חילוק פון מקדש ראשון און מקדש שני איז - אז מקדש ראשון איז עבודת הצדיקים, און בית שני - עבודת התשובה[145].

מא. ענין הנ"ל - אז "לשכת פרהדריך" איז עבודת התשובה - איז אויך מתאים עם המבואר אין דער הערה פון טאטן דעם חילוק פון "לשכן העץ" און "לשכת פרהדריך", אז "עץ" ווייזט אויף חסדים, און "פרהדריך" אויף גבורות (כנ"ל סעיף כז),

ווייל עבודת הצדיקים איז אין אן אופן של חסד.

- משא"כ -

---

145) ראה לקו"ש ח"ט ע' 27 ואילך. ע' 67 ואילך.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

משא"כ די עבודה פון א בע"ת איז אין אן אופן פון דינים: ער דארף האבן א זהירות יתירה ווייל "סורו רע", ובמילא דארף ער זיך פירן מיט זיך אין אן אופן פון צמצום ודין - מאכן גדרים וסייגים שלא יחזור לסורו[146]. וכמחז"ל[147] אז "בקעא מצא - וגדר בה גדר".

מב. און דאס איז אויך די הסברה פארוואס דער נאמען "לשכת העץ" ווערט געבראכט אין מס' מדות[148], און "לשכת פרהדריך" - אין מס' יומא[149]:

מס' מדות איז ענינה עבודת הצדיקים; און ווי חז"ל זאגן מאן תנא "מדות ר"א בן יעקב"[150], וואס "משנתו קב ונקי"[151] (עבודת הצדיקים);

משא"כ מס' יומא ענינה עבודת יוהכ"פ, עבודת התשובה. און דערפאר ווערט די לשכה דארט אנגערופן "לשכת פרהדריך".

און דערמיט איז אויך פארשטאנדיק פארוואס רבינו הקדוש האט אריינגעשטעלט ביידע נעמען אין משנה (אויך דער נאמען "לשכת העץ" פון מקדש ראשון) -

ווארום דער נאמען "לשכת פרהדריך" - עבודת התשובה - איז ניט שולל דעם ענין פון "לשכת העץ" (עבודת הצדיקים), נאר דאס איז מוסיף נאך א מעלה; אז ביים כה"ג זאלן זיין ביידע מעלות - סיי פון עבודת הצדיקים און סיי פון עבודת התשובה.

נאר וויבאלד אז דער חידוש וואס האט זיך אויפגעטאן בבית שני איז געווען - עבודת התשובה, דעריבער האט מען גערופן די לשכה "פרהדריך" דוקא,

ועד"ז בנוגע דעם ענין של אריכות ימים המרומז ביים "לשכת העץ" (כנ"ל סעיף כז) - אז אויך נאך דעם ווי מ'האט געגעבן דעם נאמען "לשכת פרהדריך" (ע"ש שהיו "מחליפין אותה כל שנים עשר חודש"), איז געבליבן דעם ענין האריכות ימים (המרומז בשם "לשכת העץ").

- וואס דערפאר איז דער נאמען "לשכת פרהדריך" געבליבן למשך כל ימי בית שני, אויך בימי שמעון

- הצדיק -

---

146) לקו"ת ואתחנן ט, ד. 147) עירובין י, א. ועוד. 148) פ"ה מ"ד. 149) משנה ריש יומא. 150) יומא טז, א. 151) יבמות מט, ב.

הצדיק*, יוחנן כה"ג (שהי' צדיק גמור פ' שנה)[152], וכיו"ב שהאריכו ימים, יכל ימיהם נקראה לשכת פרהדרין -

ווייל דער עניך פון "פרהדרין" - ש"מחליפין אותה" - מיינט אין עבודה רוחנית, א שינוי למהות אחר.

מב. די הוראה דערפון אין עבודת האדם:

יעדער איד איז ווי א כהן גדול. ווי עס שטייט אין בעל הטורים עה"פ[153] "ואתם תהיו לי ממלכת כהנים" (וואס ווערט געזאגט אויף אלע אידן), אז דאס מיינט כהנים גדולים[154].

דערפון איז מובן אז די עבודות פון דעם כה"ג בזמן שביהמ"ק הי' קיים זיינען בעבודתו הרוחנית דכאו"א.

ובפרט בנוגע צו עבודת כה"ג ביום הכפורים - ווי מ'זעט עס דערפון וואס יעדער איד זאגט די עבודה בתפלת (מוסף ד)יוהכ"פ, מיט דעם "יהי רצון" וכו' [וואס די עבודה בתפלת יוהכ"פ האט יוסי בן יוסי כהן גדול מחבר געווען, ווי עס שטייט אין פרי עץ חיים[155]], און מ'איז דערביי מכוון כוונות און מ'איז זיך אין דעם מתבונן און מ'ווינט וכו'. וואס דערפון איז מובן אז יעדער איד בעבודה רוחנית שלו האט א שייכות צו עבודת הכהן גדול ביוהכ"פ.

און ווי עס שטייט אויך אין ספרי מוסר [אין ספרי חב"ד ברענגט זיך דאס ניט], אז בשעת א איד איז עובד עבודתו בכל יום דארף ער זיך מצייר זיין ווי ער איז דער כהן גדול וואס איז נכנס לקדש הקדשים ביוהכ"פ.

און ווי דאס איז בנוגע עבודת הכהנים (סתם)

- בכלל -

---

*) בפרש"י יומא ח, ב דהשם "פרהדרין" נתחדש לאחרי כהונת שמעון הצדיק (ובימיו עדיין הי' נקרא "לשכת בלווטי"). והכוונה בפנים - (א) לשמעון בן מתתי' (חשמונאי) שהי' צדיק, (ב) י"א ששני שמעון הצדיק היו, והשני (לא - דאבות בתחלתה) האריך ימים (תולדות תנאים ואמוראים - היימן - בערכו). וראה שמות הכהנים גדולים בסדר הדורות. וש"נ.

---

152) ברכות כט, א. 153) יתרו יט, ו. 154) וראה אגדת בראשית ס' עט (פ'). 155) שער יוהכ"פ פ"ד (מהערת כ"ק אדמו"ר שליט"א בסה"מ תש"ח ע' 245 הערה כה). וראה ב"י או"ח סתרכ"א.

SichosKodesh.com

בכלל, אז בא יעדער איד איז דא בעבודתו הרוחנית עבודת הכהן - וכמובן אויך פון דעם דין אין שולחן ערוך[156], אז בכל יום זאל מען זאגן פ' הקרבנות, פ' העולה ומנחה ושלמים וחטאת ואשם, בכדי "לקיים מ"ש[157] ונשלמה פרים שפתינו, וכמו שאמרו חכמים[158] ע"פ[159] זאת התורה לעולה למנחה ולחטאת וגו' כל העוסק בתורת עולה כו'"[160], "כל העוסק בתורת עולה כאלו הקריב עולה, וכל העוסק בתורת חטאת כאילו הקריב חטאת"[161],

און "כשיסיים פ' העולה יאמר יהי רצון מלפניך שיהא זה חשוב ומקובל לפניך כאלו הקרבתי עולה, וכך יאמר אחר פ' המנחה והשלמים כו'"[162] (משא"כ נאך פ' חטאת וכו' זאגט מען ניט דעם "יהי רצון", כמבואר שם דער טעם).

וואס דערפון איז מובן אז בא יעדן אידן בעבודתו הרוחנית איז דא בדוגמת דער ענין פון עבודת הכהן. ועד"ז איז אויך מובן בנוגע צו עבודת הכהן גדול, וואס אלע אידן ווערן אנגערופן "ממלכת כהנים", כהנים גדולים (כנ"ל).

מד. עפ"ז איז מובן אז אויך דער ענין וואס אלס הכנה והקדמה צו עבודת כה"ג בקדה"ק ביוהכ"פ איז דער כה"ג געזעסן אין א לשכה וואס האט געהאטביידע נעמען, "לשכת העץ" און "לשכת פרהדרין" - וואס באווייזן אויף די צוויי עבודות פון חסד וגבורה וואס זיינען דא בא דעם כה"ג, דער ענין וואס ער האט מכפר געווען על כל ישראל (חסד), און די עבודה מיטן שעיר לעזאזל (גבורה) - דארף אויך זיין א הוראה פאר כאו"א מישראל בעבודתו הרוחנית:

בא יעדן אידן דארפן זיין ביידע הנהגות פון "ימין מקרבת (חסד) און "שמאל דוחה" (גבורה):

ובפשטות: מ'דארף האבן אהבת ישראל צו יעדן אידן, און אים מקרב זיין (בימין). און די ענינים בלתי רצויים דארף מען דוחה זיין בשמאל, "שמאל דוחה". ד.ה. אפילו ווען ס'איז דא די עבודה פון

- דחי' -

---

156) טושו"ע או"ח ס"א ס"ה. שו"ע אדה"ז סי"א. מהדו"ב שם ס"ט. 157) הושע יד, ג. 158) מנחות בסופה. וראה בהנסמן בלקו"ש חי"ח ע' 413 הערה 24. 159) צו ז, לז. 160) שו"ע אדה"ז מהדו"ב שם. 161) שו"ע אדה"ז מהדו"ק שם. 162) טושו"ע שם ס"ד. שו"ע אדה"ז שם סט"ו.

דחי׳, איז דאס נאר ביד שמאל, יד כהה, אבער אויך דעמולט דארף זיין די "ימין מקרבת"[163].

וואס דאס איז נאכמער מדגיש די השתדלות אין טאן אין מבצע אהבת ישראל.

מה. און "מצוה גוררת מצוה[164] - פון מבצע אהבת ישראל קומט מען צו די אנדערע מבצעים, ווי אויסגערעכנט פריער.

און דערפון קומט מען צו טאן ביתר שאת וביתר עוז אין כל התורה ומצוותי׳.

ובמיוחד האט מען דעם כח צו טאן אין תומ"צ ביתר שאת ויתר עוז אין דעם זמן אין וועלכן מ׳געפינט זיך איצטער, זמן הקיץ - ווי מ׳זעט בפועל, ובפרט במדינה זו, אז אין זמן הקיץ גיט מען "חופש" צו קינדער, ועד"ז בא ערוואקסענע, שטרענגט מען זיך ניט אן אזוי שטארק אין דעם עסק מיט וועלכן מ׳פארנעמט זיך, און מ׳איז ניט אזוי טרוד בעניני פרנסה וכו׳ - במילא איז איצטער לייכטער און גרינגער צו טאן אין עבודת השם, וויבאלד אז מ׳האט ניט אזויפיל די בלבולים פון אנדערע ענינים.

און ניט כסברת הבעלי בתים, אז בזמן הקיץ האט מען אויך חופש פון עניני תומ"צ ח"ו, זאגנדיק אז היות ס׳איז הייס און נאס און "היומיד", קען מען ניט לערנען תורה כדבעי און מ׳קען זיך ניט עוסק זיין במצוות כדבעי -

נאר איפכא מסתברא: דוקא ווען ס׳איז הייס ובמילא שטרענגט מען זיך ניט אן אזויפיל אין עניני עסק, דארף מען אויסנוצן די צייט אויף לערנען תורה און מקיים זיין מצוות ביתר שאת ויתר עוז!

וכידוע אז סברת הבעלי בתים איז היפך דעת תורה, ווי דער דין איז אין שו"ע[165]. און ווי כ"ק מו"ח אדמו"ר (דער בעל הגאולה) האט זיך כמה פעמים אויסגעדריקט אז בעלי-בתישע הנחות זיינען ביי אים א דבר מאוס[166]!

דאס הייסט: אפילו בשעת מ׳האט א ספק בדבר ווי מ׳דארף זיך פירן אין א געוויסן ענין ע"פ תורה -

- דארף -

---

163) ראה לקו"ש ח"ה 354. 164) אבות פ"ד מ"ב. 165) סמ"ע חו"מ ס"ג סקי"ג. 166) ראה לקו"ש חי"ב ע׳ 166.

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>

SichosKodesh.com

דארף מען הערן דעם דעת הבעלי-בתים בזה, און טאן פארקערט!

וואס דאס איז אפילו בשעת מ'האט א ספק בדבר. ועאכו"כ בנדו"ד, אז ס'איז א דבר הפשוט אז דעת בעלי בתים אז בזמן הקיץ דארף מען ניט אזוי הארעווען אין עניני תומ"צ, איז פונקט פארקערט ווי דער אמת איז און ווי תורת אמת זאגט אן.

ולסיכום הדבר: בזמן זה, זמן הקיץ, ווען מ'שטרענגט זיך ניט אזויפיל אן אין עניני עסק וכו', דארף מען טאן ביתר שאת ויתר עוז אין תומ"צ.

מו. ועד"ז האט מען די הוראה פון זמן הקיץ אויך ביום השבת:

ביום השבת דארף מען טאן אין אלע ענינים מתוך תענוג ושמחה, ווארום "וקראת לשבת עונג"[167], און "ביום שמחתכם – אלו השבתות"[168], און ביום השבת איז "אין עצב בה"[169].

בשעת ס'קומט אבער זמן הקיץ און ס'איז הייס, קען זיין א בעלי-בתישע סברא אז מ'זאל זיך ניט אזוי אנשטרענגען אין טאן אלע ענינים בשבת מתוך עונג ושמחה.

ווי לדוגמא: בשעת ס'קומט צו זינגען ביי א התוועדות ביום השבת א ניגון, ווי דער ניגון "שיבנה בית המקדש", וויל ער זיך ניט אזויפיל אנשטרענגען זינגען, טאמער ער וועט צופיל שוויצן! איז אפילו אויב ער זינגט, טוט ער דאס צו יוצא זיין, און קוקט ארום צי מ'האט שוין געזען אז ער האט געזונגען, וואס דעמולט קען ער שוין אויפהערן זינגען. און נאך דעם ניגון האלט ער זיך ניט איין און ווישט אפ דעם שווייס פון פנים...

דארף מען וויסן, אז וויבאלד דאס איז א בעלי-בתישע סברא – איז איפכא מסתברא, און ביום השבת דארף זיין שמחה ועונג, און "אין עצב בה", און דעריבער דארף מען ניט גיין און באווייזן אז מ'ווישט אפ דעם שווייס פון פנים נאך דעם ווי מ'זינגט א ניגון שבת!

– וואס –

---

167) ישעי' נח, יג. וראה טואו"ח (ושו"ע אדה"ז) סרמ"ב ובנ"כ השו"ע. וש"נ. 168) בהעלותך י, י. ספרי שם. 169) ראה ירושלמי ברכות פ"ב ה"ז. תוד"ה מ"ד – מו"ק כב, ב.

הנחת הת' בלתי מוגה

וואס אפילו בכל השנה דארף דאס ניט זיין. ועאכו"כ אין א שבת פון "בין המצרים", וואס דעמולט דארף מען האבן א זהירות מיוחדת אז מ'זאל אים ניט חושד זיין אז דאס וואס ער זינגט ניט בשבת א ניגון בשמחה כדבעי, איז עס דערפאר וואס דער ענין פון "בין המצרים" האט עפעס אנגערירט ביום השבת ח"ו - דערפאר דארף ער דעמולט זיך נאכמער משתדל זיין צו זינגען דעם ניגון בשמחה כדבעי ובשלימות, בכדי ס'זאל ניט זיין אט דער חשד (וכידוע הסיפור בזה).

און דערנאך ווען ס'קומט מוצאי שבת, איז אויב ס'איז נאך דעמולט א מצב וואס עדיין "לא נושענו"[170] - דארף מען זיך דעמולט פירן לויט די אלע הלכות און מיט די אלע הגבלות פארבונדן מיט די טעג (ימות החול) פון "בין המצרים";

אבער צוזאמען דערמיט - טאר דאס אויך דעמולט (אפילו בימות החול) ניט אנרירן ח"ו אין "פקודי ה' ישרים משמחי לב"[171], וואס שטייט אויף תורה[172], און ניט אנרירן אין שמחה של מצוה.

ביז מ'וועט זוכה זיין אז בקרוב ממש זאל זיין די שמחה של מצוה האמיתית והשלימה - "ושמחת עולם ראשם", ווען יהפכו ימים אלו "לששון ולשמחה ולמועדים טובים",

בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, במהרה בימינו ממש.

* * *

מז. דער ביאור אין פרקי אבות:

אין דער משנה (ו') שטייט "יהושע בן פרחי' ונתאי הארבלי קבלו מהם", וואס "מהם" גייט אויף יוסי בן יועזר און יוסי בן יוחנן (ווי עס שטייט אין משנה ד').

וויבאלד אז דער סדר אין משנה איז אויך בדיוק, און די משנה רעכנט אויס צווישן די מקבלים (פון יוסי בן יועזר און יוסי בן יוחנן) דעם ערשטן יהושע בן פרחי' און דעם צווייטן נתאי הארבלי, ועד"ז בא די משפיעים, דער ערשטער יוסי בן יועזר און דער צווייטער יוסי בן יוחנן - איז מסתבר לומר, אז אע"פ

- וואס -

---

170) ל' הכתוב - ירמי' ח, ב. 171) תהלים יט, ט. 172) ראה תענית ל, א.

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

SichosKodesh.com